בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' תזריע | כ"ה אדר ב' | תשע"א | פסחים: ע"ג:

# באריכט:

## שמחת אירוסין בחצרות קדשינו

היינט בייאנכט איז למז"ט געשלאסן געווארן דער שידוך פון החתן הרב ליפא הי"ו בן הגה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו אין בני ברק, מיט הכלה בת הגריי"ד הורוויץ שליט"א מ'ראצפערט – בראזיל.

*-שמחו בה' וגילו צדיקים-*

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט איז הגה"צ רבי שמואל בנימין קרויס שליט"א געקומען צו מרן רבינו שליט"א אפנעמען ברכת שלום זייענדיג דאהי צו באקן מצות בבית האופה המהודרת אין קרית יואל.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר שלום מאיר קעסטנבוים הי"ו פון בארא פארק.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יחיאל צבי אפפעל הי"ו פון וויליאמסבורג ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

אין די פארמיטאג שעה'ן זענען געקומען די תלמידי ישיבת ווייטצען פון טשיקאגא צו מרן רבינו שליט"א מקבל צו זיין ברכת קדשו.

## מסיבה לטובת מפעל גומלי טוב אין מאנסי

היינט נאכט קומט פאהר אין מאנסי דער מסיבה לטובת דעם וויכטיגן צדקה קאסע מפעל "גומלי טוב" שע"י קהלתינו הק' אין מאנסי ווי אנשי שלומינו וועלן זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים.

דער מסיבה קומט אי"ה פאהר אין שטוב פון מוה"ר ברוך פרענקל הי"ו אויף 7 סקול טעררעס.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.